# צום פינטל

גליון ס

פרשת ויחי תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


## פרשה

ברכת יעקב מהז

**מסירת מודעא: מ'קומט נישט דא זאגן פשט אין די אבות הקדושים און שבטי קה, אונז קומען נאר זעהן אונזער וועלט, וויאזוי עס שיינט פון די פסוקי התורה.**

### ◆ עתידות אדער ברכות

יעקב אבינו פאר זיין פטירה בענטשט זיינע קינדער. אלע פרעגן וואס איז דא געווען, יעקב האט פארציילט 'עתידות' אדער ער האט געטיילט 'ברכות', אנפאנגט פאנגט ער אָן 'את אשר יקרא אתכם באחרית הימים', איז משמע אז ער גייט פארציילן 'עתידות', ער גייט זאָגן וואס גייט פאסירן מיט יעדן איינעם בעתיד, שפעטער זאגט די תורה הקדושה 'וזאת אשר דבר להם אביהם ויברך אותם, איש אשר כברכתו ברך אתם', איז משמע אז דאס זענען געווען 'ברכות' נישט קיין 'עתידות'.

רש"י הקדוש פרעגט (פרק מט כח) פארוואס הייסט עס 'ברכות', נישט יעדן איינעם האט יעקב געבענטשט, ראובן שמעון לוי זענען געווארן גוט אויסגעמוסרט, און אפילו אלע אנדערע איז נישט דוקא געווען ברכות, וואס פארא 'ברכה' ליגט אין דעם אז יהודה האט די גבורה פון א לייב, און בנימין האט דער כח פון א וואלף, און נפתלי האט די לייכטקייט פונעם אַיָלָה.

די בעלי מוסר (ר' ירוחם, ועוד) זאגן אז יעקב אבינו האט מגדיר געווען יעדן איינעם, ער האט געגעבן פאר יעדן קינד די ריכטיגע און פאסיגע הגדרה - דאס ביסטו, דאס איז דיין נקודה. מ'קען זאגן אז אין דעם איז שוין אויך געליגען שפע און ברכה, און אפילו 'עתידות' איז געליגען אין דעם, ווייל אויב דער מענטש האט די ריכטיגע הגדרה אויף זיך, איז ער א גוטער 'כלי' אריינצוברענגען אין זיך ברכה, און אויטאמאטיש ווייסט ער אביסל פון זיין 'עתיד'.

ווילאנג א מענטש האט זיך נישט ארויס, האט ער נישט די כלים מקבל צו זיין 'ברכה', ער איז נאכנישט געבוירן געווארן, ער איז נאכנישט קיים, יעקב אבינו האט געטיילט הגדרות, ער האט אויסגעקלארט יעדעם'ס שורש נשמה, און אין דעם איז געלעגן א מורא'דיגע שפע פון ברכה. אויך 'עתידות' איז געליגען אין דעם, ווייל די עתיד וואס גייט זיין איז שוין יעצט באהאלטן אין די


**יעקב אבינו האט מגדיר געווען יעדן איינעם, ער האט געגעבן פאר יעדן קינד די ריכטיגע און פאסיגע הגדרה - דאס ביסטו, דאס איז דיין נקודה**


פארבאָרגענע שטאַפלן בנפש, און ווען מ'איז מגלה די פארבארגענע שטאַפלן פונעם נפש, מיינט דאס אויטאמאטיש אז מ'איז מגלה עתידות.

### ◆ וואס בין איך

א גוטע מחנך פארשטייט אז ס'איז איין זאך אויף וואס ער דארף 'פואקעסען', ער האט א שלעכט קינד אין קלאס, ער וויל אז דער קינד זאל מארגן זיין וואויל, איין פשוטע עצה איז דא, זיי מגדיר דעם קינד מיט די ריכטיגע הגדרה, ברענג אים פונקטליך ארויס זיינע נאטורן כמו שהוא, וועסטו זען אז פון זיך אליינס וועט ער מארגן זיין וואויל. אלעס וואס דער קינד איז נישט וואויל, איז נאר ווייל ס'פעלט אים די ריכטיגע הגדרה אויף זיך, אז ער וועט פילן די ריכטיגע הגדרה, וועט ער פילן זיין 'זיך', און אלעס ווערן מסודר פון זיך אליינס.

א שאָד צו זיין פארנומען מיט זוכן עצות אין די 'חינוך פעלד', איין עצה וואס ארבעט פאר אלעס, איין עצה וואס שטעלט אלע קינדער אין פלאץ, לייג אריין די קינדער אין די ריכטיגע הגדרה, ברענג ארויס פון יעדעס קינד זיין יחודיות, דאס וועט שוין אויטאמאטיש ארויסברענגען זיינע כוחות הנפש צום גוטן. דער קינד פירט זיך אויף ווילד און נישט נאָרמאל, דאס איז ווייל ער איז צומישט מיט זיין הגדרה אויף זיך, אז זיין הגדרה אויף זיך וועט זיין שארף און קלאר, וועט אויך זיין גאנצע 'הנהגה' זיין קלאר און מענטשליך.

אז די כוחות הנפש זאלן ארויסקומען 'מכח אל הפועל', מוז עס קודם דורך גיין די 'כח הדיבור', נאר ווען דער מענטש באקומט אותיות און ווערטער וועגן זיינע כוחות, נאר דעמאלטס קען ער גיין צום נעקסטן דרגא און ארויסברענגען זיינע כוחות למעשה.

דאס איז קריטיש וויכטיג פאר יעדער מענטש, אז ער זאל זיין אויסגעשארפט מיט די ריכטיגע הגדרה אויף זיך, און נישט יעדן טאג זאל ער זיך דארפן נאכאמאל איבער טשעקן און זיך פרעגן פון זיך אליין 'וואס בין איך', אויב דער מענטש לעבט מיט די ריכטיג הגדרה אויף זיך, וועלן זיינע כוחות הנפש פון זיך אליינס ארויסקומען צום גוטן. אויב אבער דער מענטש האט נישט די ריכטיגע הגדרה, ער איז נישט גענוג אויסגעשארפט מיט די ריכטיגע הגדרה אויף זיך, וועט דאס אים נאכלויפן טאג און נאכט, ער וועט הערן אין קאפ א גאנצע טאג די שאלה 'וואס בין איך'.

פון ווי נעמט א יוד די כוחות אויף דעם, פון ווי נעמט ער די כוחות מחנך צו זיין יודישע קינדער, פון יעקב אבינו, יעקב אבינו האט דא מחדש געווען די כח פון מגדיר זיין די נפש פון א יוד, 'יעקב אבינו לא מת', יעקב אבינו איז

המשך בעמוד הבא

ווייטער ממשיך און ברענגט פאר א יוד די כוחות מגדיר צו זיין נפשות ישראל, אויך דער פשוט'ער יוד, דער פשוט'ער מחנך, אלע באקומען די כוחות פון יעקב אבינו.

## ◆ ברכה ובריכה

יעקב אבינו האט געבענטשט זיינע קינדער, ער האט געפענט פאר זיי די צינורות פון שפע, ער האט ממשיך געווען שפע און ברכה פון די 'בריכה העליונה', ער האט מבריך ומרכיב געווען די שפע הכללי פון די עולמות, צו יעדן איינעם פון די שבטים באזונדער ('ברכה' מלשון 'בריכה' 'מבריך ומרכיב'). כדי צו קענען ממשיך זיין שפע, פעלט זיך אויס אז דער מתברך זאל האבן א הגדרה פרטי, נאר דענסמאל קען מען עפענען צו אים א 'צינור' און אים מחבר זיין צו די שפע הכללי.

ווילאנג דער מענטש האט נאך נישט זיין אייגענע מציאות, ווילאנג דער מענטש האט נאך נישט זיין אייגענע הגדרה אויף זיך, איז נישט שייך ער זאל ווערן מחובר צו די 'שפע הכללי', ווייל ער אליינס איז דאך נישט קיים בכלל. משל למה הדבר דומה, די שטאט טיילט געלט, זיי לייגן אריין פאר יעדן איינעם אין די 'בענק עקאנט' א סכום געלט, א מענטש אבער וואס האט נישט קיין 'בענק עקאנט', איז נישט שייך ער זאל באקומען די געלט, אפילו ס'זאל זיך גיסן אוצרות פון שפע, אז די האסט נישט די כלים, איז נישט דא ווי ס'זאל חל זיין די ברכה. די זעלבע זאך ווילאנג א מענטש האט נישט קיין הגדרה פרטית אויף זיך, איז ער נישט קיים בכלל, ס'איז נישט מעגלעך אז די שפע זאל אין אים אריינקומען.

די קדמונים האבן א סוגיא צו 'ברכות' האט א שייכות מיט זאגן 'עתידות', דער עיקרים זאגט אז 'ברכות' זענען נישט קיין 'הגדת עתידות', ס'איז נאר צו צוגרייטן דעם מקבל, 'הכנת המתפעל', אז ער זאל זיין ראוי צו מקבל זיין די שפע עליון. כעין זה פארשטייט מען דא ביי יעקב אבינו אז ער האט צוגעגרייט די שבטים צו מקבל זיין די שפע עליונה, דורך דעם וואס ער האט מגלה געווען פאר יעדן זיין נקודה הפנימי, וואס דורך דעם האט דער מענטש די כוחות צו זיין א כלי פאר די שפע העליונה.

## ◆ ברכה פרטי וכללי

דער שפת אמת זאגט אז יעדער מענטש האט זיין פלאץ ווי ער קען דארטן זען א סימן ברכה, און ווען ער איז שטארק אין זיין פלאץ, באקומט ער שוין אויך די 'שפע כללי' פון ארום ארום. אויב דער עיקר איז שטארק געבויט, ער האט א שטארקע פרטיותדיגע הגדרה, דאן קען ער זיך אויסברייטערן און ברענגען שפע אויך פון ארום ארום.

דער שפת אמת טייטשט די פסוק, 'איש אשר כברכתו ברך להם וכו', וזאת אשר ברך להם אביהם', קודם האט יעקב געבענטשט יעדן בפרטיות, און נאכדעם האט יעדער אויך באקומען די ברכה כללי, ווי רש"י הקדוש זאגט אויף 'ברך אותם' אז דאס איז א 'ברכה כללי' בנוסף צו די ברכה פרטי. זאגט דער שפת אמת אז דאס איז נאר נאכדעם וואס יעדער האט זיין ברכה פרטי, יעצט קען קומען די 'שפע כללי' פאר א תוספת (פלאס) צו די שפע פרטי.

יעדער פון די שבטים האבן געהאט זיין גבול און זיין תחום אין ארץ ישראל, ווי ס'איז מבואר אין ספר יהושע באריכות גדול, יעדער איז מוגבל אין זיין נקודה אין זיין הגדרה, אבער נאכאלץ איז ער איינס מיט כלל ישראל, יעדער האט זיך זיין נחלה פרטי, אבער נאכאלץ זעמיר אלע אין איין גרויסע ארץ ישראל, די האסט טאקע דיין תחום דא, אבער ס'איז איין גרויסע כלל ישראל. מ'דארף ביידע חלקים, סיי אז יעדער זאל האבן זיין פרטיות'דיגער נחלה, און סיי אז ער זאל קענען באקומען חיים פונעם כלל.

יעדער קינד אין די משפחה האט זיין נקודה אבער ס'איז איין גרויסע משפחה יעדער אין די קהילה האט זיין נקודה אבער ס'איז איין גרויסע קהילה, יעדער קהילה האט זיין נקודה אבער ס'איז איין גרויסע כלל ישראל. ס'מוז זיין דער פרט, אבער דער פרט מוז זיין אנגעבונדן אינעם כלל. דאס איז די מציאות אין אלע ענינים אין די וועלט, אויב ס'איז דא די אייגענע פרטיות'דיגע פלאץ, דאן איז שוין אויך דא די 'שפע כללי'.

יעקב האט מיחד געווען פאר יעדן זיין פלאץ בנפש, זיין פלאץ אין ארץ ישראל, ממילא באקומט ער שוין שפע פון גאנץ כלל ישראל, באקומט ער שוין אויך די שפע פון גאנץ 'ארץ ישראל'. דאס זאגט דער שפת אמת אז די האסט דיין פרטיות'דיגע ברכה, באקומסטו שוין ממילא אויך די כללות'דיגע ברכה.

## ◆ ברכה לראובן

ס'איז באקאנט די קושיא וואס איז די ברכה אין די מוסר פון ראובן שמעון ולוי. איז רש"י הקדוש זאגט אז כאטש זיי האבן נישט באקומען א פרטיות'דיגע ברכה, אבער זיי זענען יא געווען אין כלל פון די כללות'דיגע ברכה.

די בעלי מוסר פארענטפערן עס מיט דעם יסוד, אז יעקב האט ארויסגעברענגט פאר יעדן איינעם זיין נקודה, זיינע כוחות, דאס איז געווען די ציל, ביי ראובן איז עס גראדע ארויסגעקומען אויף א מוסר'דיגע וועג, ווייל ביי די מעשה פון בלהה איז שטארק ארויס געקומען ראובן'ס נקודה, אבער נישט די מוסר איז די נושא, די נושא איז צו מגלה זיין ראובן'ס כוחות הנפש, אפגעזען צו ס'איז א גוטע זאך אדער א שלעכטע זאך, מ'דארף א הגדרה אויף ראובן. אז ראובן האט א הגדרה, קען חל זיין אויף אים א ברכה, די ברכה פרטי באקומט ער טאקע נישט, זיין הגדרה פרטי איז צו מוסר'דיג, אבער כאטש די ברכה כללי.

ראובן איז א שנעלער, 'פחז כמים', יעדער בכור האט א שייכות צו שנעלקייט, א בכור איז דער ערשטער און דער פלינקער געבוירן צו ווערן. יעקב זאגט פאר ראובן ס'איז נישט פאר דיין טובה איך זאל דיר בענטשן, ס'פעלט זיך אויס פאר דיר די באלאנס, די דארפסט אביסל נכנע ווערן און אראפ סלויען פון דיין שנעלקייט. אויך פאר שמעון און לוי זאגט יעקב, ענק זענען צו שטארק צוזאמען, פאר ענקער טובה וועגן דארף איך ענק צעשפרייטן. דאס איז מצד די ברכה פרטי, די ברכה פרטי איז נישט פאר זייער טובה, אבער מצד די ברכה כללי זענען זיי אלע גלייך, און דייקא ווייל זיי האבן באקומען די 'הגדרה פרטי' אפילו ס'איז געווען מוסר'דיג, האבן זיי געקענט באקומען די ברכה כללי.

## ◆ די מוסר פון יעקב

די ברכות פון יעקב אבינו זענען איינס פון די צוויי, אדער א הגדרה נפשיות, פחז כמים, כי באפם, גור אריה יהודה, יששכר חמור גרם, דן נחש עלי דרך, נפתלי אילה שלוחה, בן פורת יוסף, בנימין זאב, וואס די אלע זאכן זענען נפשיות'דיגע און פנימיות'דיגע הגדרות. אדער איז

המשך בעמוד האחרון

## מ'עסט די רווחים

ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה, די זיבעצן יאר איז געווען עקסטערע געשמאקע גוטע יארן פאר יעקב, אָן קיין דאגות און צרות, ער האט זיך אסאך געמיטשעט אין לעבן, און יעצט אין די עלטערע יארן האט ער געהאט זיבעצן יאר מיט נחת און פרייד. א ערליכע יוד ווען ס'קומט די עלטערע יארן, בארויגט ער זיך און שעפט נחת, ער דאנקט דעם אייבירשטן וואס האט אים געברענגט ביז אהער, 'המלאך הגואל אותי מכל רע', דער מלאך וואס האט אים געהאלפן דורך גיין אלע נסיונות, ער פארברענגט די עלטערע יארן שעפענדיג נחת פון די קינדער און אייניקלך.

א מענטשס לעבן איז אייגעטיילט אין דריי, ימי עליה ימי עמידה ימי ירידה, אין די 'ימי עליה' ביז די דרייסיג, איז ער פאר'דאגה'ט זיך אוועק צו שטעלן, אוועק צו שטעלן א פרנסה, אין די 'ימי עמידה' פון די דרייסיג ביז די זעכציג, איז ער פאר'דאגה'ט אוועק צו שטעלן די קינדער און זיי חתונה מאכן, פון די זעכציג און ווייטער אין די 'ימי ירידה', דענסמאל איז דער זמן וואס דער מענטש קען זיך בארויגען אביסל.

ער זוכט שוין נישט צו סאך זיך צו טוישן אין לעבן, ער האט וואס ער האט, ס'איז דא וואס ס'איז דא, יעצט איז די זמן צוריק צו קוקן צום 'עבר' מיט א בליק פון א 'שמח בחלקו', ער דאנקט דעם אייבירשטן וואס האט אים געגעבן די כוחות אדורך צו מאכן אלע נסיונות החיים ביז אהער.

אין די 'ימי עליה' איז דער קוק פונעם מענטש צום 'עתיד', ער וויל אוועקשטעלן א גוטע לעבן, אין די 'ימי עמידה' פראבירט ער צו פארשטארקערן און זיך צו האלטן מיט דאס וואס ער האט געבויט, און פון די זעכציג און ווייטער אין די 'ימי ירידה', איז דער זמן זיך צוריק צו דרייען צום 'עבר'. מ'האט שוין ארויסגעגעבן די קינדער, יעצט איז די זמן צו שעפן נחת פון די אייניקלך, דער זמן פון עסן די פירות, דער זמן פון נהנה זיין פון די 'רווחים'.

ווען א מענטש פלאנצט איין א בוים, די ערשטע תקופה איז די 'זריעה ונטיעה', נאכדעם געט ער זיך שטארק אפ מיטן בוים, ער 'אינוועסט' כוחות, שפעטער קומט די זמן פון קצירת פירות, די זמן פון עסן די 'רווחים'. דער מענטשס לעבן איז אויך אזוי, די 'ימי עליה' איז די זמן וואס ער שטעלט אוועק א פרנסה ער געבוירט קינדער, אין די ימי עמידה געט ער זיך אפ דערמיט, ער געט זיך אפ מיט די ביזנעס און מיט קינדער, און אין די ימי ירידה איז די זמן פון עסן די פירות, די זמן פון שעפן נחת פון די קינדער און אייניקלך.

## ישראל סבא

דער זיידע האט א עקסטערע געשמאק מיט די אייניקלך, מיט די קינדער האט ער זיך אסאך געפלאגט, ער האט זיי געדארפט מחנך זיין און אוועק שטעלן בגשמיות וברוחניות, דער עיקר זמן צו עסן די פריות איז ביי די אייניקלך, מ'מאכט חתונה די קינדער און ס'פאנגט אָן ארויסצוקומען די רווחים, ס'ווערט א דור פון אייניקלך, די 'רווחים' וואקסן און וואקסן, א דור פון איר אייניקלך און איר איר אייניקלך. דאס זעט מען שטארק אין די פרשה ביי יעקב אבינו, סוף פרשת ויגש שטייט 'וישב ישראל בארץ מצרים, בארץ גושן ויאחזו בה ויפרו וירבו מאוד', דא האט זיך אנגעפאנגען די 'פרה ורבה', דא האט זיך אנגעפאנגן די זמן פון די רווחים. און דאס לערנט מען גלייך אנפאנג פרשת ויחי ווי יעקב אבינו האט פארברענגט מיט זיינע אייניקלך מנשה ואפרים, און ווי ער האט געהאלטן און איין דאנקן דעם אייבירשטן אויף אלעס וואס ער האט אים געהאלפן דורך מאכן ביז אהער.

ווען איז די זמן ווען ס'פאנגט זיך אן די עלטערע יארן, מ'זעצט זיך אוועק אויפן קאוטש, און מ'פארברענגט מיט די אייניקלך? איינער פריער און איינער אביסל שפעטער, ס'ווענט זיך ווען ער סטאפט ארבעטן, ס'ווענט זיך ווען ער האט גענדיגט ארויס געבן די קינדער, ווילאנג א מענטש האט נאך נישט גענדיגט ארויס געבן די קינדער, גייט ער נאך נישט אריין אין די סטעדזש פון די עלטערע יארן. איז ביי 'יעקב אבינו' וואס ביז יעצט איז ער געווען פאר'דאגה'ט מיט יוסף, האט יעקב נישט געקענט אריינגיין אין די רואיגע סטעדזש פון די עלטערע יארן, ער האט נישט גענדיגט ארויס געבן די קינדער, ער ווייסט נישט וואס טוט זיך מיט יוסף. יעצט אז ער האט געטראפן יוסף, אלעס האט זיך בארויגט, יעצט האט ער געקענט אריין גיין אין די 'ימי הזקנה' און זיך אוועק זעצן און שעפן נחת.

**אין די עלטערע יארן קומען אלע יארן צו גיין פאר די אויגן, אויב האט מען אריינגעכאפט גוטע זאכן, דאנקט מען דעם אייבירשטן פאר אזא גוטע לעבן**

די טבע הבריאה אז ס'איז דא א טאטע און ס'איז דא א זיידע, א טאטע שטעלט אוועק די קינדער, ער בויט זיי אויף, ער ארבעט מיט זיי מיט יראה און מיט אהבה, א זיידע אבער איז כולו אהבה, א זיידע איז א זקן מלא רחמים, ער איז נישט דא זיי צו מחנך זיין, שמע בני מוסר אביך, שטייט נישט אין ערגעץ אז א זיידע זאל מחנך זיין, דער זיידע לערנט מיט די אייניקלך, 'והודעתם לבנך ולבני בנך', און ער געט בלויז אהבה, א שמייכל א קניפ אין בעקל, א קיצעל, דאס איז א זיידע. און דאס לערנט מען זיך אויס פונעם אלטן זיידן יעקב, 'ישראל סבא', ווי ער האט זיך אפגעגעבן מיט מנשה ואפרים, ווי מ'געט זיך אפ מיט די אייניקלך מיט אהבה ווי די פסוק זאגט 'ויחבק להם'.

א יוד, ער מיטשעט זיך, דא מיט א קינד דא מיט די פרנסה, זאכן גייען אביסל שווער, אויב א מענטש וואלט ווען געקענט זען פון פאראויס, קוקן וויאזוי ס'גייט אויס זען אין זיינע עלטערע יארן, ווי מ'גייט זיצן מיט די אייניקליך און מ'גייט זיי פארציילן ווי סאך שוועריקייטן מ'איז אדורך, "זיידי האט זיך זייער שטארק געמיטשעט, זיידי ווייסט נישט וויאזוי ער

המשך בעמוד הבא

# ענינים



האט עס אדורך געמאכט, ס'איז נאר אין ענקער זכות, אז איך זאל זיך קענען זיך יעצט פרייען מיט ענק". ער זעהט זיך יעצט וויאזוי ס'גייט אויסקוקן אין יארן ארום, און ווי ער דאנקט דעם אייבירשטן פאר די כוחות דאס אלעס אדורך צו מאכן.

ווען א מענטש זאל ווען קענען האבן אזא בליק, וואלט אסאך זאכן אין לעבן אנדערשט געווען, אבער דאס איז די טבע הבריאה, ווען מ'איז אין די 'ימי עליה' איז מען יעצט אינגאנצן דארטן, און מ'קען נישט טראכטן פון די זמנים פון די ימי ירידה.

### ויקרבו ימי ישראל

ויקרבו ימי ישראל למות, דער אור החיים הקדוש זאגט אז די טעג קומען צו גיין. ווען א מענטש ווערט עלטער לויפן אים אדורך די יונגע יארן, אלץ קומט ער צוריק צום 'עבר', צו די יונגע יארן. ער זעט ווי ער זיצט ביים טאטן, ווי ער פארברענגט ביים זיידן, אלעס לויפט דורך ווי א אויגן בליק, ער פארציילט פאר זיינע קינדער אלעס וואס דער אייבישטער האט אים גערעטוועט, ער ווייסט אז באלד גייט ער צו עולם הבא, ער דאנקט דעם אייבירשטן פאר אזא פילע געשמאקע לעבן.

די טבע האדם אז אין די עלטערע יארן קומען אלע יארן צו גיין פאר די אויגן, אויב האט מען אריינגעכאפט גוטע זאכן, דאנקט מען דעם אייבירשטן פאר אזא גוטע לעבן, אויב נישט חס ושלום, פאטשען די טעג אין די אויגן אריין, און ס'איבעלט אים זיין אייגענע לעבן, ער גייט פון די וועלט מיט צער און עגמת נפש.

דאס לערנט מען זיך פון יעקב, 'ויקרבו ימי ישראל', זיינע טעג זענען אים אדורך געלופן, ער זעט פאר זיינע אויגן זיין לעבן ביים טאטן און זיידן, זיינע נסיונות מיט עשיו און לבן, ער פארציילט פאר יוסף זיינע אלע צרות וואס דער אייבישטער האט אים גערעטעוועט, 'המלאך הגואל אותי מכל רע', ער געט איבער זיין וואונטש פאר זיינע קינדער, און ער געזעגענט זיך פון די וועלט.

# פרשה



אויסגערעכנט 'עתידות', בעיקר אויף די חלקים אין ארץ ישראל, אל תותר (עבר הירדן, זוהר הק'), אחלקם ביעקב, אסרי לגפן עירה, זבולן לחוף ימים, ואת הארץ כי נעמה, גד גדוד יגודנו, מאשר שמנה לחמו, נפתלי אילה שלחה, עד תאות גבעות עולם, וואס איינער וואס לערנט רש"י הקדוש מיט חז"ל ווייסט אז די אלע זאכן זענען מרמז אויף די חלקים פון ארץ ישראל וואס איז מיוחד פאר יעדן שבט זיין חלק.

די צוויי זאכן גייען האַנט ביי האַנט, די הגדרה נפשית פונעם מענטש גייט צוזאמען מיט זיין נחלה, די נחלה און די פרנסה איז אנגעבונדן אין די שורש הנפש, יעדער שבט האט באקומען זיין נחלה און זיין פרנסה אין ארץ ישראל, לויט זיין שורש הנפש דא ביי ברכת יעקב. ממילא גייט די צוויי זאכן אינאיינעם א גאנצע צייט דא ביי ברכת יעקב.

אויך ביי ראובן איז עס געגאנגען צוזאמען, ווי ס'איז מבואר אין זוהר הקדוש אז ראובן האט נישט באקומען א חלק אין ארץ ישראל נאר אין עבר הירדן, וועגן דעם 'אל תותר', ארץ ישראל איז א 'יתרון', א חשובע פלאץ, ראובן האט נישט באקומען דעם 'יתרון'. דאס הייסט אז זיין חלק אין עבר הירדן, האט געהאט א שייכות מיט זיין הגדרה נפשית. אויך שמעון ולוי האבן באקומען זייער חלק לפי זייער הגדרה נפשית דא ביי די ברכות, 'אחלקם ביעקב' כידוע

הנוגע למעשה: די טייערסטע זאך וואס מ'קען געבן פאר בחורים, אז מ'ברענגט זיי ארויס זייערע נקודה, זיי זוכן דאס מיט ליכט, ווי לאנג זיי טרעפן נישט זייער נקודה זענען זיי ממש אין גלות, די רגע זיי טרעפן זייער נקודה, טרעפן זיי זייער 'זיך', ער איז רואיג ער האט זיין 'זיך'.

א מענטש גייט ארויס צווישן מענטשן, צומאל קען מען ווערן שטארק מבלבול, 'וואס בין איך וכו', אבער די רגע ער האט זיין נקודה ווייסט ער 'איך בין איך', איך בין נישט סתם א חלק פונעם כלל, איך האב מיין יחידיות. ווען ס'פעלט אים זיין נקודה איז אים שווער צו זען די מעלות פון אנדערע מענטשן, ווילאנג ער פילט נישט זיין אייגענע מעלה, דורך דעם וואס די געסט אים זיין נקודה, קען ער אנפאנגען צו זען גוטס, ער קען אנפאנגען צו זען אנדערע מענטשן'ס הצלחות, ס'שטערט אים נישט א צווייטנס מעלות, ס'איז אים נישט מבלבל.


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** הצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

**אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**
**או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,**
**נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com**


עיצוב: י.ב. +972-50-413-8477